# חג הפסח

ב״ה, עש״ק, שבת הגדול ה׳תשל״ט
ברוקלין, נ. י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם
ה׳ עליהם יחיו

שלום וברכה!

אַזוי ווי דער חודש ניסן, ווי אויך זיין צענטראַלער ענין, דער יום־טוב פסח, חג המצות, זיינען „ערשטע״ — דער חודש ניסן איז ראשון הוא לכם לחדשי השנה (דער ערשטער פון די חדשים פון יאָר), און פסח איז דער ערשטער פון אַלע ימים־טובים — איז פאַרשטאַנדיק, אַז ביידע אַנטהאַלטן מערערע און מער־אומפאַסנדע אָנווייזונגען ווי אַנדערע ספּעציעלע טעג פון יאָר, ווי דאָס ווערט אויך אונטערשטראָכן דערמיט וואָס פיל מאָמענטן אין אידישן לעבן זיינען פאַרבונדן און ווערן ערקלערט אַלס זכר ליציאת מצרים.

איינער פון די גרונט־באַדייטונגען פון דעם יום־טוב פסח איז וואָס ער ווערט פאַרעכנט אַלס געבורטסטאָג פון אידישן פאָלק; במילא איז דאָס פאַרבונדן אויך מיט יעדן איינעם בפרט אַלס טייל פון דעם פאָלק.

בכלל, איז דאָך דער לעבן פון יעדן מענטשן אַ צוויי־זייטיקער: אַלס אַ יחיד און אַלס אַ טייל פון זיין פאָלק, מדינה, שטאָט, סביבה און קהילה. און כאָטש אויפן ערשטן אויגנבליק זיינען דאָס צוויי קעגנגעזעצטע עקסטרעמען, איז אָבער דער מענטשלעכער לעבן אַזוי אויסגעשטעלט אַז ביידע אַספּעקטן — דער „פרט״ און דער „כלל״ אין מענטשלעכן לעבן — פאַרנעמען אַן אָרט זייט־בײַ־זייט אין אַ מער אָדער ווייניקער האַרמאָנישן צוזאַמענזיין, און די שטרעבונג און דער ציל איז אַז זיי זאָלן דערגענצן איינע די צווייטע ביז צו ווערן איין זאַך, אַן איינהייט.

בײַ אידן, וואָס פון זיי ווערט פאַרלאַנגט און ערוואַרטעט שלימות, גאַנצקייט און פולקאָמענהייט, אין אַלע ענינים, ווערט די שטרעבונג, אַן עיקר און אַ יסוד.

* * *

עש״ק .. תשל״ט: **להעיר אשר קביעות שנה זו היא כבשנת יצ״מ (כהמסקנא בשו״ע אשר ביום ה׳ יצאו ממצרים).**

שבת הגדול: **ראה תוד״ה ואותו שבת (פז, ב). טושו״ע או״ח ר״ס ת״ל. לקו״א להה״מ סקכ״ד. או״ת עה״פ משכו וקחו.**

חודש ניסן .. זיין צענטראַלער ענין .. פסח: **כשמו — חודש של גאולה (שמו״ר פט״ו, יא).**

ראשון .. השנה: **בא יב, ב. וראה אוה״ת עה״פ. ד״ה החודש, תרכ״ז.**

פסח .. ערשטער פון אַלע ימים־טובים: **ר״ה ד, א.**

פיל מאָמענטן .. זכר ליציאת מצרים: **הוא יסוד גדול ועמוד חזק בתורתנו ובאמונתינו (חינוך מצוה כא). ולהעיר שמצווים אנו לזכור יצ״מ בכ״י ביום ובלילה (טור או״ח סי׳ סו וסי׳ רלו. שו״ע אדה״ז סי׳ סו סי״ב וסי׳ סז ס״א).**

זכר ליציאת מצרים: **להעיר מזח״ב מ, ב.**

געבורטסטאָג פון אידישן פאָלק: **יחזקאל קאַפּיטל טז ובמפרשים. וראה מכתב כללי דר״ח ניסן תשל״ז.**

בײַ אידן .. ווערט פאַרלאַנגט .. שלימות: **להעיר מכתובות (סז, א) דצ״ל כמאן דבעי לי׳ למיעבד דוקא.**

*) נדפס בהגש״פ עם ביאורים (קה״ת, תשמ״ו־ז) ע׳ עדרת.

די דערמאַנטע צוויי אַספּעקטן ווערן אויך אָפּגעשפּיגלט אין דעם קרבן־פסח, וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו די אידן אין מצרים באַ דעם אָנהויב פון חודש הגאולה, ראש־חודש ניסן, אַלס אַן עיקר צוגרייטונג צו יציאת־מצרים,

אין קרבנות זיינען פאַראַן קרבנות־יחיד און קרבנות־ציבור, דאָס הייסט, קרבנות פון אַ יחיד אַלס יחיד, און קרבנות פון דעם צוזאַמענקלייבן (ציבור) פון אַ סך יחידים, וואו יעדער יחיד איז אַ טייל פון דעם ציבור, דער יחיד איז פאַרטראַטן אין אים דורך זיין פּערזענלעכע ביישטייערונג צו דער יערלעכער געלט־זאַמלונג פאַר דעם צוועק.

געפינען מיר, אַז אין קרבן־פסח פאַראייניקן זיך ביידע אַספּעקטן, וואָרום ער איז גלייכצייטיק אי אַ קרבן־יחיד און אי אַ מעין פון אַ קרבן־ציבור, באַ בכנופיא (אַ צוזאַמענקלייב פון אַ סך), און אין ביידע הינזיכטן נאָך מיט מער הדגשה, וואָס מ׳געפינט ניט ביי אַנדערע קרבנות:

אַלס קרבן־יחיד איז דער קרבן־פסח געוועזן אויסגעטיילט און באַשטימט בלויז פאַר די „מנויים" — די ספּעציעל „געציילטע" יחידים, וועלכע האָבן זיך פאַר־איייניגט אין איין איינהייט צו ברענגען און עסן דעם קרבן־פסח, און אַנדערע האָבן ניט און טאָרן ניט האָבן אין אים קיין חלק, בשעת אין פאַל פון אַנדערע קרבנות־יחיד (ווי שלמים, אד"ג) האָט מען געקענט צוציען צום עסן וועמען מ׳האָט געוואָלט.

פון דער אַנדער זייט, איז דער קרבן־פסח געוועזן אויך אַ מעין פון אַ קרבן־ציבור, ציבור אין דעם פולסטן זין, וואָרום אַלע אידן האָבן אים געדאַרפט ברענגען אין דער זעלבער צייט און אופן; און דערצו נאָך מיט דער הדגשה, אַז ניט ווי ביי אַנדערע קרבנות־ציבור, ווען דער ציבור איז געוועזן פאַרטראַטן דורך שלוחים־פאַר־שטייער, די אנשי־מעמד, האָט מען אָבער דעם קרבן־פסח געבראַכט בכנופיא, אַזוי

די דערמאַנטע: **בהבא לקמן ראה בארוכה לקו"ש ח"ח ע׳ 104־7, 112 ואילך.**

קרבן־פסח ... אַנגעזאָגט געוואָרן ... ראש־חודש ניסן: **בא (יב, ג). מכילתא ופרש"י עה"פ.**

קרבן־פסח ... צוגרייטונג צו יציאת־מצרים: **מכילתא ופרש"י עה"פ בא שם, ו. ולקיחתו היתה בעשור בחודש — שבת הגדול דשנה ההיא. ולדעת הצפע"נ (עה"ת בא יב, ג־ד) גם נתקדש אז.**

חודש הגאולה ... ניסן: **שמו"ר שם. וראה אוה"ת בא ע׳ רנט.**

קרבנות־יחיד און קרבנות־ציבור: **ראה פיהמ"ש להרמב"ם בהקדמתו לסדר קדשים.**

קרבנות־ציבור ... וואו יעדער יחיד ... איז פאַרטראַטן אין אים: **ראה במדב"ר פי"ח, י. פרש"י עה"פ קורח טז, טו. רמב"ם הל׳ תמורה פ"א ה"א בסופה. ובארוכה — מפענ"צ פ"ד ס"ב וס"ד, וש"נ.**

קרבן־פסח ... קרבן־יחיד ... מעין פון אַ קרבן־ציבור: **ראה פיהמ"ש שם: והמין הרביעי קרבן יחיד דומה לקרבן ציבור והוא קרבן פסח.**

באַ בכנופיא: **יומא נא, א. פרש"י פסחים סו, סע"ב.**

קרבן־פסח ... בלויז פאַר די „מנויים": **זבחים נו, ב במשנה. רמב"ם הל׳ ק"פ פ"ב.**

טאָרן ניט: **כי הר"ש משאנץ (לתו"כ צו ז, יט) דמתיר יחיד הוא בזה. בביאור הרי"פ פערלא לרס"ג מל"ת קעה (קצד, ד ואילך) כ׳ שגם הרמב"ם ס"ל כהר"ש משאנץ. וראה תו"ש בא (חי"א) במילואים סי"א (וש"נ) ובחי"ב.**

אַנדערע קרבנות־יחיד: **וגם בשחיטתו חלוק שצ"ל דוקא ע"י שלוחו (ראה קידושין מא, ב. מנ"ח מצוה ה׳ בסופו).**

אנשי־מעמד: **תענית כו, א במשנה. ספרי ופרש"י עה"פ פינחס כח, ב. רמב"ם הל׳ כלי המקדש רפ"ו.**

אַז דער ציבור איז געווען דערביי פּערזענלעך, און דערנאָך אַזוי ביים עסן, אַלע האָבן געדאַרפט עסן פון קרבן־פּסח, אין דער זעלבער צייט און אופן (צלי אש) וכו׳ — וואָס מ׳געפינט ניט בא קיין אַנדער קרבן־ציבור.

* * *

אין קרבן־פּסח גופא איז פאַראַן נאָך אַ נקודה, וואָס האָט אויך אַן אָנדייטונג אויף דער צוזאַמענגעבונדנקייט פון דעם יחיד מיטן ציבור, און דאָס איז וואָס דער קרבן־פּסח האָט געדאַרפט צוגעגרייט ווערן ראשו על כרעיו ועל קרבו (זיין קאָפּ מיט זיינע קני און מיט זיין איינגעווייד). דער אונטערשייד און דער מרחק צווישן קאָפּ און די קני וכו׳ איז פאַרשטאַנדיק, און דאָך האָט זיך געפאָדערט, אַז אַלע באַשטאַנדטיילן זאָלן זיין צוגעגרייט צוזאַמען און אויפן זעלבן אופן. די הוראה דער־פון איז, אַז כאָטש אין אַ ציבור זיינען פאַראַן פאַרשידענע ביז אויך גאָר ווייטע מדריגות פון יחידים, פון דער מדריגה פון „ראש" ביז דער מדריגה פון „רגל", מוזן זיי אָבער אַלע זיין צוזאַמען צו שאַפן אַ ציבור, און אויך בייטראָגן, יעדער איינער זיין פולן חלק, צום ציבור.

* * *

ווי דערגרייכט מען די פאַראייניקונג פון אַ יחיד מיט אַ יחיד, און פון אַ יחיד מיטן כלל? איז דאָס אויך אָנגעדייטעט אין דעם (נאָמען) „פּסח", וואָס איינע פון די אָפּטייטשונגען דערפון איז „אַריבערשפּרינגען", דאָס הייסט אויך — אַריבער־שפּרינגען די פאַרשידענע מחיצות צווישן איין אידן און אַ צווייטן, און צווישן דעם יחיד און דעם ציבור, ביז אַלע ווערן פאַראייניקט אין דער קומה אחת שלימה פון אידישן פאָלק;

וואָס דערצו פאָדערט זיך, קודם כל, אַריבערצושפּרינגען די באַגרענצונגען פון אייגענעם שכל און געפיל, און אויפהויבן זיך איבער אַלע שטערונגען און צוימונגען, אינערלעכע און אויסערלעכע, ביז צו דערגרייכן די פולסטע גייסטיקע באַפרייאונג: די באַפרייאונג פון דעם עצם מהות פון אַ אידן — זיין „פּינטעלע איד", ווי דאָס ווערט אָפט באַצייכנט; און אַזוי אַרום פאַרבינדט זיך אַ איד מיט זיין שורש און מקור, און מיט אַ צווייטן אידן און מיט אַלע אידן —

וואָס דאָס איז, ווי באַוואוסט, דער ענין פון „יציאת־מצרים" אין רוחניות.

---

צלי אש: **בא שם, ח.**

ראשו . . קרבו: **שם, ט. פסחים עד, רע״א במשנה. רמב״ם הל׳ ק״פ פ״ח ה״י.**

פאַרשידענע . . מדריגות . . „ראש" . . „רגל", מוזן . . זיין צוזאַמען . . בייטראָגן . . צום ציבור: **לקו״ת ר״פ נצבים. ובכ״מ. וראה גם קונטרס אהבת ישראל.**

„פּסח" . . „אַריבערשפּרינגען": **„קרוי פסח על שם הדילוג כו״ — פרש״י עה״פ בא שם, יא (ועד״ז שם, יג). סידור האריז״ל במקומו.**

פאַרבינדט . . שורש . . אַלע אידן: **ראה תניא פל״ב.**

„יציאת־מצרים" אין רוחניות: **תניא פמ״ז. שער האמונה בכ״מ. ועוד.**

אין פראַקטישע טערמינען מיינט דאָס, אַז יעדן אידן זיינען געגעבן געוואָרן די כחות, און מ'דערוואַרט פון אים, אַז ער זאָל זיך אויפהויבן איבער זיינע ענגע פערזענלעכע אינטערעסן לטובת די אינטערעסן פון דעם ציבור אידן אַרום אים, פון זיין גאַנצע קהילה, פון כלל ישראל. פון דער אַנדער זייט, שטעלט זיך אײַין דער ציבור, ביז — דער גאַנצער כלל ישראל פאַר יעדן פרט, אַז קיין איין איינציקער איד זאָל ניט פאַרלאָרן גיין ח"ו, און דער יחיד און דער ציבור טוען אַלעס מעגליכס אויף אַרויסנעמען יעדן און אַלעמען פון זייער „מצרים", אין וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס זאָל ניט זיין. און די גאולה פון כלל איז אָפּהענגיק פון דער גאולה פון יחיד אַלס יחיד.

* * *

אונזערע חכמים ז"ל דערקלערן, אַז די גאולה פון איצטיקן גלות וועט זיין אין דעם אופן פון דער גאולה פון מצרים, ווען אַלע אידן — בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, יונג און אַלט, אַן אויסנאַם — זיינען אַרויס פון מצרים, קיין איין איינציקער איד איז דאָרט ניט פאַרבליבן; ניט ווי אין די גאולות פון בבל, פרס ומדי, יון — ווען עס זיינען פאַרבליבן אידן אין גלות. אין דער גאולה העתידה דורך משיח צדקנו וועט זיין כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות (ווי אין די טעג פון דיין אַרויסגיין פון לאַנד מצרים וועל איך אים ווייזן וואונדער) — אַז קיין איד וועט ניט פאַרבלייבן אין גלות. און דאָס אונטערשטרייכט ווידעראַמאָל, אַז די גאולה פון כלל ישראל איז פאַרבונדן מיט דער גאולה פון דעם יחיד.

* * *

ויהי רצון, אַז אַזוי ווי ס'איז די העכסטע צייט צו גרייטן זיך צו דער אמת'ער און ענדגילטיקער גאולה, זאָל יעדער איינער און איינע טאָן אין דעם אין דער פולסטער מאָס, וואָס דער ערשטער שריט אין דעם איז, ווי ביים ערשטן קרבן־פסח, אין מצרים: משכו וקחו — צוריקציען זיך און אָפּשיידן זיך פון עבודה־זרה, אויך אין דעם אינערלעכן זין פון „עבודה זרה", וואָס דאָס איז יעדע זאַך וואָס איז פרעמד דעם גייסט און דרך פון תורה־אידישקייט, און טאָן אין דער ריכטונג סיי בנוגע זיך אַליין און סיי בנוגע דעם אַרום, ביז צום גאַנצן אַרום, דעם ציבור, צו אַרויסהעלפן

---

שטעלט זיך איין דער ציבור .. פאַר יעדן פרט .. ניט פאַרלאָרן גיין ח"ו: **ראה ירושלמי תרומות ספ"ח. רמב"ם הל' יסוה"ת פ"ה ה"ה. וראה סנהדרין לז, א במשנה.**

„מצרים": **מל' מיצרים וגבולים — תו"א יתרו עא, ג ואילך. ובכ"מ. — ולהעיר מלקוטי לוי"צ לזח"ב (ע' פא ואילך).**

אונזערע חכמים ז"ל דערקלערן: **ראה לקו"ש חי"א ע' 1 ואילך. וש"נ.**

בנערינו .. ובבנותינו: **בא י, ט.**

כימי .. נפלאות: **מיכה ז, טו. וראה אוה"ת נ"ך עה"פ.**

אמת'ער און ענדגילטיקער גאולה: **גאולה שאין אחרי' גלות — תוד"ה ה"ג ונאמר — פסחים קטז, ב.**

משכו וקחו .. צוריקציען זיך .. פון עבודה־זרה: **בא יב, כא. שמו"ר פט"ז, ב (בסופה). מכילתא עה"פ. ועוד.**

אינערלעכן זין פון „עבודה־זרה": **ע"ד תורת הבעש"ט „(באם) וסרתם (מאת ה', מיד) ועבדתם אלקים אחרים" (צוואת הריב"ש סע"ו). ראה תניא פכ"ד. קונטרס ומעין מאמר ב' ואילך.**

יעדן אידן וואָס מ׳קען נאָר דערגרייכן און אריינציען אים אין דער אויבנדער־מאָנטער צוגרייטונג צו דער גאולה, דורך תורה ומצוות, וואָס ויקם עדות ביעקב ותורה שם בישראל (דער אויבערשטער האָט אויפגעשטעלט אַן עדות — מצוות — און תורה צו אידן, אין אידן), און זיין זיכער אין דער הצלחה אין דעם אַלעם — געדיינקענדיק מקדם פלאך (די וואונדער וואָס דער אויבערשטער האָט געטאָן פריער — בימי צאתך מארץ מצרים), געדיינקען אין אַן אופן פון והגיתי בכל פעלך ובעלילותיך אשיחה (טראַכטן און אַריינטראַכטן אין דיינע טוענגען און רעדן אין זיי),

און דאָס אַלעס זאָל און וועט נאָך מער צואיילן קבלת פני משיח צדקנו, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, בגאולה האמיתית והשלימה.

בכבוד ובברכה להצלחה בכל האמור
ולחג הפסח כשר ושמח

---

ויקם .. בישראל: תהלים עח, ה. וראה ד״ה ויקם עדות ה׳ש״ת (סה״מ ה׳ש״ת ע׳ 51 ואילך).
מקדם פלאך .. והגיתי .. אשיחה: תהלים עז, יב־יג.